# די
# יידיש־אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע

### היסטאָרישער איבערבליק און פּערזענלעכע איבערלעבונגען

פֿון
**יוסף קאַהאַן**

יובילײ־אויסגאַבע פֿון דער ראַדיקאַל לייברערי,
ברענטש 273 אַרבעטער רינג, פּילאַדעלפּיע, פּא.,
צום 40טן געבורטסטאָג פֿון דער אָרגאַניזאַציע.

נאָוועמבער 11, 1905 נאָוועמבער 11, 1945

# מיינע ערשטע יאָרן אין פילאַדעלפיע

אין פרילינג 1903, בין איך מגולגל געוואָרן קיין פילאַדעלפיע. דער קרייז אין וועלכן איך בין אַריינגעפאַלן איז געווען אַ קאָנסערוואַטיווער, געשפּייזט פון כתריאל שרהזאָנס „טאַגעבלאַט", וועלכע איז מיר פון ערשטן טאָג אָן געווען שטאַרק דערווידער.

מיט צוועלף־דרייצן יאָר פאַר דעם האָב איך אַ פּאָר יאָר צייט געלעבט אין אַ רעוואָלוציאָנערן קרייז אין מינסק. בין באַקאַנט געוואָרן מיט דער אידעע פון סאָציאַליזם, ווי עס איז יענע יאָרן פאַרשטאַנען געוואָרן אין רוסלאַנד. האָב דערנאָך פון אַ פאַרוואָרפן ווינקל אין די פּאָליעסער וועלדער נאָכגעפאָלגט די אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון „בונד", און דעם וואוקס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג צווישן די יידישע מאַסן.

דריי ווערק, גאַנץ פאַרשיידענע אין זייער כאַראַקטער, האָבן אין מיינע יונגע יאָרן אויסגעאיבט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף מיין אַנטוויקלונג: נאָך אַלס ייִנגל אין דער גרויסער מירער ישיבה האָט קלמן שולמאַנס שיל־דערונג פון דער פּאַריזער קאָמונע אין זיין צען בענדיקער וועלט־געשיכטע (דברי ימי עולם) אין מיר אַרויסגערופן אַ העכסט סימפּאַטישע באַציאונג צו די קאָמונאַרן. וואָס מער דער מחבר האָט געזוכט זיי אַרויסצושטעלן אין אַ שלעכטער ליכט, אַלץ מער אָנציענד זיינען זיי מיר געוואָרן. איך האָב געפילט אַ נאָענטע קרבהשאַפט צו זייערע באַגערן און אַ פּערזענלעכן מיטגעפיל אין זייער מאַרטירערטום.

אין אַ פּאָליעסער וואַלד איז מיר נאָכדעם צום האַנט געקומען אַ געבונדענער יאָרגאַנג „המליץ" פון 1881, אין וועלכן עס זיינען איבער־געגעבן געוואָרן אַלע איינצלהייטן פון דעם היסטאָרישן פּראָצעס קעגן זשעליאַבאָוו, פּעראָווסקאַיאַ און זייערע חברים פאַר הינריכטן דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. די צייטונג, ווי מ'קאָן זיך פאָרשטעלן, האָט די אָנגעקלאָגטע אַרויסגעשטעלט אין ערגסטן ליכט — „צאַרע אובעיצי", אַ קלייניקייט! מענטשן וואָס האָבן געוואַגט אויפצוהויבן אַ האַנט אויף דעם גאָט־געזאַלבטן הערשער איבער אַלע רוסן! מיינע סימפּאַטיעס זיינען אָבער דורכויס געווען אויף זייער זייט. איך האָב מיטן גרעסטן אינטערעס נאָכגעפאָלגט די פאַרהאַנדלונגען, געשלונגען יעדן וואָרט און איבערגעלעבט אַלע זייערע דערפאַרונגען.

דאָס דריטע ווערק איז אין אַ וועג געווען נאָך אַ מער אינטערעסאַנטע: אַ געבונדענע אַלטע ביילאַגע צו דער „נאָוואַיע ווערעמיאַ", אין וועלכער עס זיינען אין פאַרזעצונגען געדרוקט געוואָרן עדוואַרד בעלאַמיס גרויסע אוטאָ־פּיסטישע ווערק „לוקינג בעקוואַרד". דאָס האָט פּאַסירט פריער איידער די „נאָוואַיע ווערעמיאַ" איז געוואָרן אַ פאַרביסענע רעאַקציאָנערע און אַנטי־סעמיטישע צייטונג. מיר אין האַנט איז די ביילאַגע אריינגעפאַלן אין מיטן די ניינציקער יאָרן און בעלאַמיס קריטיק פון דער איצטיקער אָרדענונג אין דער פאַררעדע, מיט דעם משל פון די מענטשן איינגעשפּאַנט אין אַ קאַרעטע, האָט אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיקע ווירקונג.

די לעצטע עטלעכע יאָר פאַר מיין קומען אַהער האָב איך פאַרבראַכט אין דער אַרמיי אין גראָדנע, וואו איך האָב געהאַט אַ גוטע לעגעגנהייט צו לערנען, לייענען אַן אויפהער טאָג און נאַכט די בעסטע רוסישע קלאַ־סיקער אין דער אַרטיקער ביבליאָטעק. עס איז מיר אַפילו געלונגען צו אָרגאַניזירן אַ רעוואָלוציאָנערן קרייז אין דער אַרמיי וועגן וועלכן איך וועל האָבן עטוואָס מער צו זאָגן ביי אַ שפּעטערער געלעגנהייט.

דאָ וועל איך נאָר פאַרצייכענען, אַז ביי מיין אָנקומען אין פילאַדעלפיע, אין פרילינג 1903, איז מיר דער סאָציאַליזם געווען גוט באַקאַנט. איך האָב זיך באַטראַכט אַלס סאָציאַליסט און רעוואָלוציאָנער. פון אַנאַרכיזם האָב איך קיין אַנונג ניט געהאַט, דעם וואָרט אין ערגעץ קיינמאָל ניט באַגעגנט. מיט אַ פּאָר יאָר פאַר דעם האָב איך געלייענט עטלעכע אַרטיקלען פון ש. צ. זעצער אין „הדור", דוכט זיך, וועגן שטירנערס לערע, אָבער קיין טיפן אָפּקלאַנג האָט זיין עקסטרעמער אינדיווידואַליזם, אָדער עגאָאיזם, אין מיין האַרצן ניט געפונען.

דער אָפּגעשטאַנענער גייסטיקער קרייז אין וועלכן איך בין דאָ אַריינ־געפאַלן האָט מיך שטאַרק שאָקירט. דעם „טאָגעבלאַט" האָב איך אין האַנט ניט געקענט נעמען און אין „פאָרווערטס" האָב איך אויך ניט געפונען דאָס וואָס איך האָב דערוואַרט צו זען געדרוקט אין אַ סאָציאַליסטישער צייטונג.

באַלד נאָכדעם האָט זיך אַהער דערטראָגן די נייס וועגן דעם גרוי־זאַמען פּאָגראָם אין קישינעוו. די יידישע צייטונגען זיינען פול געוואָרן מיט שוידערלעכע באַשרייבונגען. עס האָט זיך זייער שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן, אַז דער „פאָרווערטס" און דער „טאָגעבלאַט" פירן אַ קאָנקורענץ איבערצושטייגן איינע די אַנדערע אין פאַנאַנדערקראַצן די טיפע וואונדן פון פאָלק, כדי צו געווינען מער לייענער. דער „פאָרווערטס" האָט דעם „רייס" געוואונען, ער האָט דאָן אייגנטלעך אָנגעהויבן זיין פענאָמענאַלן וואוקס אין וועלכן קיין אַנדער יידישע צייטונג האָט אים מער קיינמאָל

ניט געקענט דעריאָגן. אָבער מיר איז די צייטונג געוואָרן נאָך מער דערווידער איידער שרהזאָנס אָפיציעלע כּל ישראל בלאַט.

די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין פֿילאַדעלפֿיע איז נאָך דער דערמאָרדונג פֿון פּרעזידענט מ׳קינלי (1901) און דעם פֿאַרזוך אויף דעם לעבן פֿון וואָלטערין דע קלעיר (1902) געווען שטאַרק פֿאַרנאַכלעסיקט. ה. ווייַנבערג איז געווען פֿאַרנומען מיט קאָאָפּעראַטיווער טעטיקייט אין דער סטאָר אין סאַוט סטריט, ווי אויך מיט אַ קאָמוניסטישער הויז, אין וועלכער אַ צאָל יונגע געגאָסן — ב. אַקסלער און י. קאַץ צווישן זיי — האָבן געלעבט, געשפּאָרט געלט און געחלומט וועגן אַ קאָמוניסטישער פֿאַרם־קאָלאָניע.

אַ פֿאַרזוך צו טאָן אַנאַרכיסטישע אויפֿקלערונגס־אַרבעט איז יענעם יאָר געמאַכט געוואָרן פֿון אַ גרופּע „פֿרייהייט" פֿון וועלכער ל. לאַנדוי (א. וואָלינער) איז געווען סעקרעטאַר און הויפּט־טוער. קיין דערפֿאָלג האָט די גרופּע אין איר אַרבעט ניט געהאַט. די מיטינגען און לעקציעס האָבן קיין עולם ניט געצויגן. פֿון די אַנאָנסן אין דער „פֿ. אַ. ש." איז קלאָר, אַז די גרופּע האָט אַליין קיין גרויסן צוטרויען צו איר אַרבעט ניט געהאַט.

מיין צייט איז דעם ערשטן יאָר געווען אויסגעפֿילט מיט שווערער אַרבעט ביים טאָג אַלס לייבאָרער אין אַ „בילדינג סופּליי הויף" אין וועלכן די קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער זיינען כּמעט אַלע געווען דייטשן, פֿאַכלייט, וואו מ׳האָט געאַרבעט אַכט שעה, ניט מער. אין די אָוונטן האָב איך זיך געלערנט אַ פֿאַך, ציגאַרנמאַכן, אין באַראָן הירש סקול, אין דער צענטער און קאַרפּענטער, און די איבעריקע צייט, ביים פֿאָרן צו און פֿון דער אַרבעט, און אין די ווייניקע פֿרייע טעג, האָב איך זיך פֿאַרנומען מיט לערנען די לאַנד־שפּראַך. קיין צייט פֿאַר געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט איז פּשוט ניט געווען.

לאַנג האָט עס אָבער ניט געקענט אָנהאַלטן. דער דראַנג צו קומען צווישן מענטשן, אָנהויבן „עטוואָס" טאָן, איז אין מיר געווען זייער גרויס. איין טאָג איז מיר אין די הענט אַריינגעפֿאַלן אַ הענד־ביל וואָס האָט גערופֿן צו אַ מיטינג פֿון דער קאָאָפּעראַטיווער געזעלשאַפֿט אין סאַוט סטריט. דאָס האָט מיר שטאַרק פֿאַראינטערעסירט. איך בין צו דער אָנגעוויזענער צייט אָוועק צום מיטינג, האָב דאָרט געפֿונען אַן אינטעליגענטן קרייז מענטשן און בין אַליין געוואָרן אַ מיטגליד, איינצאָלנדיק פֿינף דאָלער פֿון מיינע קליינע פֿאַרדינסטן.

איך האָב זיך ביסלעכווייז באַקאַנט מיט דער טעטיקייט פֿון דער געזעלשאַפֿט, מיט אירע טוער און פֿירער, צווישן וועלכע ה. ווייַנבערג איז געווען דער אָנפֿירער. ער האָט מיר מקרב געווען, פֿלעגט מיט מיר פֿאַרברענגען יעדע פֿרייע מינוט פֿאַר און נאָך די מיטינגען, און האָט מיך

באַקאַנט מיט זיין גאַנצער טעטיקייט אין דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. פֿון אים האָב איך זיך דערוואוסט די געשיכטע פֿון אונדזער באַוועגונג, איר גלאָררייכע טעטיקייט צווישן די אַרבעטער, און דעם גרויסן אידעאַל צו וועלכן די אַנאַרכיסטן שטרעבן. אונטער זיין איינפֿלוס און מיט דער הילף פֿון דער „פֿ. אַ. ש.״ בין איך ביסלעכוויז באַקערט געוואָרן צום אַנאַרכיזם און אָנגעהויבן אָפּגעבן אַלץ מער און מער צייט צו שטודירן די אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור.

די קאָאָפּעראַטיווע סטאָר, אין וועלכע מ׳האָט פֿאַרקויפֿט העטס און שיך — זאַכן וועלכע אַרבעטער קויפֿן ניט מער ווי איינמאָל אַ יאָר און האָבן, פֿאָלגלעך, כמעט קיין פֿאַרבינדונג ניט מיט דער אונטערנעמונג — איז שוין דאַן געגאַנגען באַרג אַראָפּ. די קאָאָפּעראַטיווע בעקעריי, וואָס זיי האָבן עטאַבלירט מיט אַ שטיקל צייט פֿריער, איז שוין געווען א שוכן עפֿר. וויינבערג פֿלעגט מיט גרויס באַגייסטערונג דערציילן וועגן דעם ריזיקן פֿאַראַד וואָס זיי האָבן דורכגעפֿירט ביי דער דערעפֿענונג פֿון דער בעקעריי, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט טויזנטער מענטשן, אַלע יידישע יוניאָנס און פֿאַראיינען. די בעקער, אין ריינע ווייסע פֿאַרטוכער, האָבן מאַרשירט פֿאָראויס, געפֿירט אויף אַ וואָגן אַ חלה וואָס איז געווען ווי אַ הויז די גרויס. די אַנדערע יוניאָנס מיט קאַפּעליעס מוזיק האָבן נאָכגעמאַרשירט הינטער זיי. געלט איז געזאַמלט געוואָרן אין גרויסע לייעכער צווישן די צושויער און האָט אויסגעזען צו זיין אַ גאַנצער באַרג, אָבער ווען מ׳האָט איבער־געציילט די קופּערנע מטבעות האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז ניט גענוג אויף צו דעקן די אויסגאַבן פֿון פֿאַראַד.

די בעקעריי האָט אין איין הינזיכט דערגרייכט איר ציל: דער סטרייק און לאַק־אַוט, צוליב וועלכן זי איז געגרינדעט געוואָרן, איז באַלד גע־סעטלט געוואָרן. און ערשט דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן די צרות אין דער אונטערנעמונג גופֿא. אַלס פֿאַרוואַלטער אין דער בעקעריי האָט מען אָנגע־שטעלט טאַקע וויינבערגן גופֿא, וועלכער איז געווען אַ ציגאַרנמאַכער און האָט ניט געהאַט די מינדעסטע אַנונג וועגן בעקעריי. די אַרבעטער זיינען ניט געווען די בעסטע אין פֿאַך און זייענדיק מיטגלידער פֿון קאָאָפּעראַטיוו האָבן זיי זיך באַטראַכט אַלס די באַלעבאַטים פֿון דער אונטערנעמונג, אויף אַזוי וויית ווייניקסטנס, אַז קיינער האָט זיי ניט געקענט זאָגן קיין דעה ווען און ווי צו אַרבעטן. איז זייער געבעקס שטענדיק אַרויסגעקומען צו־שפּעט און איז ניט אַלעמאָל געווען דאָס בעסטע וואָס דער פּובליקום דער־וואַרט. דער רעזולטאַט איז געווען אומפֿאַרמיידלעך — נאָך עטלעכע חדשים מאַטערניש איז מען געווען געצוואונגען אויפֿצוגעבן די אונטערנעמונג און זיך זאָרגן ווי צו באַצאָלן די חובות.

אין דער שוּל און העט סטאָר איז עס אויך געגאַנגען אויפֿן זעלביקן וועג. דער ערשטער פֿאַרוואַלטער איז געווען געגאָסע עדעלשטיין, אויך אַ ציגאַרנמאַכער, אַן אַנאַרכיסט־נאַציאָנאַליסט, איינער פֿון די ערשטע גרינדער פֿון די פּועלי ציון — אַ גוטער רעדנער, אָבער אָן קיין דערפֿאַרונג אין געשעפֿט־זאַכן. ווען ער האָט זיך אַביסל אויסגעלערנט די נייע תּורה האָט מען אים באַזייטיקט און אָנגעשטעלט אַן אנדער אומדערפֿאַרענעם מענטשן, געגאָסע סאָקאָלאָוו. מ׳האָט אומגעביטן ניט נאָר דעם פֿאַרוואַלטער נאָר אויך דעם פּלאַץ, אַריבערגעפֿירט דעם געשעפֿט אין דער פֿינפֿטער און סאָוט, אַ געגנט אין וועלכער פּריוואַטע קרעמער האָבן געטאָן גוטע געשעפֿטן, אָבער וועלכע איז ניט געווען צוגעפּאַסט פֿאַר קיין קאָאָפּעראַטיווער סטאָר. די פּריוואַטע געשעפֿטסלייט אין יענער גאַס האָבן געמאַכט זייערע פּראָפֿיטן פֿון באַשווינדלען די ניגערס אין יענער געגנט — אַ קוואַל פֿון איינקונפֿט מיט וועלכן אַ קאָאָפּעראַטיווער געשעפֿט האָט זיך ניט געקענט באַנוצן. ביים איבערציען זיך אין דער אייגענער הויז האָט מען ווידער דורכגעפֿירט אַ גרויסן פּאַראַד, געפֿירט פֿון יאָזעף באַראָנדעס אויף אַ ווייסן פֿערד. אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט אַ ברייטן שוואונג און גרויסן פֿאַרנעם, נאָר קיין מזל ברכה איז אין דעם אַלעמען ניט געווען.

פֿאַרבייגייענדיק: עדעלשטיין, דער פֿריערדיקער פֿאַרוואַלטער פֿון סטאָר, האָט געעפֿנט אַן אייגן שוּל־געשעפֿט אין צווייטער סטריט, אויף דעם אַלטן פּלאַץ פֿון קאָאָפּעראַטיוו, און האָט געטאָן גוטע ביזנעס. ער איז געווען אַ העכסט באַגאַבטער מענטש און אַן אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט, האָט געטרוימט און אַגיטירט פֿאַר דער אָרגאַניזירונג פֿון אַ טעראָריסטישער באַוועגונג פֿון יידישע יונגעלייט אין דער גאַנצער וועלט פֿאַר דעם צוועק צו פֿאָדערן אַן אייגענע היים פֿאַר יידן און די פֿאָדערונג אונטערשטיצן מיט טעראָריסטישע אַקטן. אַ פֿריצייטיקער טויט דורך אַן אומגליקסֿפֿאַל ביים באָדן זיך האָט געמאַכט אַ סוף צו זיינע טרוימען און פּלענער.

אונדזער באַוועגונג איז צו יענער צייט אויפֿגעטרייסלט געוואָרן דורך דעם אַרעסט פֿון דזשאַן טוירנער, אַן ענגלישער אַנאַרכיסט, וועלכער איז אַהער געקומען פֿאַר אַ קורצן לעקציע־טור. טוירנער איז אין לאָנדאָן געווען דער אָרגאַנייזער און סעקרעטאַר פֿון דער שאַפּ אַסיסטענטס (קלוירקס) יוניאָן. ער איז, ווי פֿיל אַנדערע, צום אַנאַרכיזם באַקערט געוואָרן דורך דער שיקאַגער טראַגעדיע פֿון 1887. אין די ניינציקער יאָרן האָט ער באַזוכט אַמעריקע און געהאַלטן לעקציעס אין אַלע גרויסע שטעט אָן קיין שטערונג. איצט, אונטער דעם נייעם אַנטי־אַנאַרכיסטן געזעץ, איז ער אַרעסטירט געוואָרן ביי זיין ערשטן אויפֿטריט אין ניו־יאָרק. עס איז געשאַפֿן געוואָרן אַ „פֿרי ספּיטש ליג״, אין וועלכער עס זיינען אַריינגעטראָטן אַ

גרויסע צאָל ליבעראַלן, און מיט גרויס שוועריקייט איז געלונגען אים צו באַפֿרייען אויף בעיל פֿאַר דער צייט וואָס זיין קייס האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען פֿאַרן העכסטן געריכט פֿון לאַנד. ער האָט באַזוכט פֿילאַדעלפֿיע, וואו ער האָט אַדרעסירט אַ ריזיק גרויסע פֿאַרזאַמלונג און געמאַכט אַ וואונדערבאַר גוטן איינדרוק. ער האָט אויך געהאַלטן פֿאָרטראַגן אין פֿיל אַנדערע שטעט און האָט אַרויסגערופֿן גרויס אינטערעס אין דער פֿראַגע פֿון פֿרייער רעדע און דעם צוים וואָס די געזעצגעבער האָבן אַרויפֿגעלייגט אויף אויסלענדישע אַנאַרכיסטן פֿאַרבאָטנדיק זיי אַריינצוקומען אין לאַנד.

דער אורטייל פֿון סופֿרים קאָורט, ווי מ'האָט געקענט דערוואַרטן, איז געווען, אַז געזעץ איז געזעץ: דער קאָנגרעס האָט געהאַט אַ רעכט אָנצונעמען אַזאַ געזעץ, כאָטש ער איז אויסדריקלעך קעגן דעם גייסט פֿון דער קאָנסטיטוציע און די גאַראַנטירטע פֿרייהייטן.

דעם צענטן אַפּריל, 1904, זיינען מיר געגאַנגען צום ערשטן מאָל זען און הערן עמאַ גאָלדמאַן. די פֿאַרזאַמלונג האָט געזאָלט געהאַלטן ווערן אין אדד פֿעלאָוס טעמפּל, בראָד און אַרטש, ניט ווייט פֿון סיטי האָל. צוגעקומען דאָרט האָבן מיר געפֿונען אַ קאָרדאָן פּאָליציסטן אויסגעשטעלט אויף די טרעפּ אַרום דער גאַנצער געביידע. די גאַס איז געווען פֿול מיט מענטשן, וועלכע מ'האָט ניט דערלויבט צו שטיין אויף איין אָרט. רייטנדיקע פּאָליציסטן האָבן מיט די פֿערד אויף די טראָטואַרן געשטופּט און געטריבן דעם עולם, ווי די קאָזאַקן פֿלעגן עס טאָן אין הייליקן רוסלאַנד. איך בין געשטאַנען ווי אַ געפּלעפּטער, האָב צוערשט ניט געקענט באַנעמען, וואָס דאָ קומט פֿאָר. דאָ אין אַמעריקע, אין דעם פֿרייען לאַנד, זאָל מען פֿרידלעכע בירגער ניט דערלויבן פֿאַרזאַמלען זיך אין אַ זאַל אויסצוהערן אַ רעדנער — איך האָב פּשוט די אויגן ניט געקענט גלויבן! נאָר מיין פֿולשטענדיקע אומבאַקאַנטשאַפֿט מיט דער שפּראַך האָט מיך צוריקגעהאַלטן פֿון מאַכן אַ פֿאַרזוך צו אַדרעסירן די פֿאַרזאַמלטע, און זיי אויפֿפֿאָדערן צו אַ ווידערשטאַנד. איך בין אַוועק אַ דערשלאָגענער, אַן אויפֿגערעגטער, אַנטשלאָסן צו טאָן וואָס איך וועל נאָר קענען צו באַקעמפֿן די באַרבאַרישע טיראַניי.

אין דער קאָאָפּעראַטיווער סטאָר האָבן מיר זיך דעם גאַנצן יאָר 1904 געראַנגלט מיט פּראָבלעמען וועלכע מיר האָבן ניט געקענט לייזן. די חובות זיינען געוואָקסן און די אויסזיכטן זיינען וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ שלימער. מיר האָבן געזוכט צו פֿאַראינטערעסירן מער מענטשן מיט אונדזער אונטערנעמונג דורך אַראַנזשירן לעקציעס און פֿאַרזאַמלונגען. צו איינער פֿון די לעקציעס האָבן מיר אַראָפּגעבראַכט יאַנאָווסקין, וועלכער איז ניט געווען קיין גרויסער מאמין אין קאָאָפּעראַציע, האָט אָבער איינגעוויליקט צו קומען אונדז אַרויסהעלפֿן. נאָך דער לעקציע האָט אונדז וויינבערג באַקאַנט און

מיר זיינען צוזאַמען אַוועק צו דער קאָאָפּעראַטיווער הויז. אויפֿן וועג האָט זיך יאַנאָווסקי באַקלאָגט, אַז די גענאָסן אין פֿילאַדעלפֿיע פֿאַרנאַכלעסיקן די „פֿ. אַ. ש.“ אַבאָנענטן זיינען דאָ וויניק, און זיי צאָלן ניט. דער איינצלפֿאַרקויף אויף די סטענדס איז זייער קליין. וויניק מענטשן ווייסן, אַז עס איז גאָר דאָ אַזאַ צייטונג. גענאָסע לאַוורעאָוו, דער אָפֿיציעלער פֿאָרשטייער פֿון דער „פֿ. אַ. ש.“, איז אַ גאַנץ וואוילער מענטש, אָבער קיין יידיש קאָן ער ניט און ווייס ניט וואָס אין דער צייטונג טוט זיך. דער רעזולטאַט פֿון געשפּרעך איז געווען, אַז איך האָב זיך אָנגעבאָטן איבערצונעמען די פֿאַרטרעטערשאַפֿט פֿון דער „פֿ. אַ. ש.“ אין פֿילאַדעלפֿיע.

יאַנאָווסקי האָט זיך שטאַרק דערפֿרייט מיט מיין אָנבאָט. דאָס אייגנטלעך האָט ער באַצוועקט מיט דעם גאַנצן געשפּרעך. מיין נאָמען איז אים געווען באַקאַנט פֿון די אָפֿטע קאָרעספּאָנדענצן וואָס איך פֿלעג אים צושיקן. איצט האָט ער מיך געמאַכט פֿאַר זיין לייטענאַנט. אין היסטאָרישן בריווקאַסטן פֿון קומענדיקן נומער האָט ער אַריינגעשטעלט אַזאַ מין מאמר:

> ל. לאַוורעאָוו, פֿילאַ. — איר וועט זיין אַזוי גוט און האַנדלען לויט דעם באַשלוס פֿון מיטינג. גיט איבער אַלע ליסטן, געלטער און רעכענונגען צו יוסף קאַהאַן, וועלכער, ווי מיר האָפֿן, וועט טאָן זיין בעסטעס, אַז אויך פֿילאַדעלפֿיע זאָל טאָן איר טייל פֿאַר דער „פֿ. אַ. ש.“

דאָס האָט מיר געקלונגען אַביסל טשיקאַווע. קיין מיטינג איז דאָך ניט געווען און דעם באַשלוס האָט קיינער אויסער אים ניט אָנגענומען. קיין געלדער און רעכענונגען האָט לאַוורעאָוו ניט געהאַט מיר איבערצוגעבן. די גאַנצע מעשה איז געווען אַ צופֿיל געקינצלטע, אָבער — פֿאַרפֿאַלן! איך האָב אונטערנומען אַן אַרבעט, דאַרף מען זי דורכפֿירן.

איך בין געוואָרן אַ גאָר אָפֿטער קאָרעספּאָנדענט אין דער צייטונג. צו די וואַלן יענעם יאָר האָב איך אָנגעשריבן אַ מעשה, ווי ספּעציעל פֿאַר דעם צוועק אויפֿגעהאָדעוועטע אָקסן העלפֿן פֿירן די סטאַדע צום טויט אין די שלאַכטהייזער אין שיקאַגאָ, און האָב עס פֿאַרגליכן מיט דער טעטיקייט פֿון די סאָציאַליסטישע פּאָליטישנס צווישן די אַרבעטער. יאַנאָווסקי האָט עס אָפּגעדרוקט אין די ערשטע צוויי קאָלומס פֿון דער ערשטער זייט און דערמיט געצויגן גרויס אויפֿמערקזאַמקייט אויף דעם אינהאַלט. מיין שפּעטערדיקער פֿריינד וויליאַם צוקערמאַן האָט אין דעם דערזען אַן אומפֿאַרדינטן אָנגריף אויף די סאָציאַליסטן און אויפֿגעהויבן אַן אינטערעסאַנטע דיסקוסיע וועגן דער גאַנצער אָנגעלעגנהייט.

די אָפֿיציעלע פֿאַרטרעטערשאַפֿט האָט מיר צוזאַמענגעבראַכט מיט אַלע גענאָסן אין שטאָט. יעדן זונטיק פֿלעג איך באַזוכן אַ צאָל פֿון זיי, זיך באַקענט מיט די מערסטע און אָנגעבונדן אינטימע באַציאונגען מיט די טעטי־

קערע. דער צושטאַנד פֿון דער באַוועגונג איז געווען ניט קיין גלענצנדיקער. אַלע האָבן דערציילט, אַז אַמאָל איז פֿילאַדעלפֿיע געווען אַן אַנאַרכיסטישע פֿעסטונג, האָט פֿאַרמאָגט אַ גאַנצע רייע פֿון גוטע רעדנער אין יידיש און ענגליש. די גענאָסן זיינען געווען טעטיק, האָבן געבויט יוניאָנס פֿון קלאָוקמאַכער, בעקער, וועסטנמאַכער און אַנדערע פֿאַכן. זיי פֿלעגן אָפּהאַלטן אַנאַרכיסטישע פֿאַרזאַמלונגען לעבן סיטי האָל יעדן זונטיק צו וועלכע עס פֿלעגן קומען מאַסן צוהערער. די יידישע פֿאַרזאַמלונגען פֿלעגן אויך זיין אַלע גוט באַזוכט. אָבער דאָס איז אַלץ געווען אַמאָל — איצט איז פֿון דעם אַלעמען קיין זוכר ניט געווען. אַ פּאָר פֿון די רעדנער זיינען געשטאָרבן (ווילסאָן און גראַטש), אַנדערע האָבן זיך דערווייטערט פֿון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, אַוועק אין אַנדערע דרכים (ש. פּרענער און ד״ר גאָרדאָן), נאָך אַנדערע זיינען געוואָרן דאָקטוירים, דראָגיסטן (ד״ר מאַקס שטאַלער, ד״ר באַרבער, ד״ר גאַרטמאַן, ד״ר סיגעל, זעלדעס, יאַפּע, נאַטאַשאַ נאָטקין א״אַ). זיי זיינען געוואָרן פֿאַרנומענע מענטשן, האָבן אָנגעהויבן פֿירן אַ סטאַטעטשנעם לעבן און זיך געהאַלטן מער אָדער ווייניקער פֿון דער ווייטנס. די איינציקע רעדנער וואָס זיינען געבליבן אין דער באַוועגונג זיינען געווען ה. וויינבערג און דער אַלטער לעווין. אין פֿאַרגלייך מיט די פֿריעדיקע יאָרן איז אונדזער באַוועגונג געווען אויסגעשפּילט.

דאָס איז געווען דער צושטאַנד וואָס איך האָב געפֿונען ווען איך בין געוואָרן דער אָפֿיציעלער פֿאַרטרעטער פֿון דער „פּ. אַ. ש.״ סוף 1904. באַזוכנדיק די אַבאָנענטן און זיך באַקענענדיק מיט זיי פּערזענלעך האָב איך געפֿונען אַז זיי קענען פֿאַרטיילט ווערן אין באַשטימטע קאַטעגאָריעס: אַ טייל פֿון דער אַלטער גוואַרדיע, די עטלעכע דאָקטוירים, די פֿריערדיקע רעדנער, זיינען געווען טויט פֿאַר דער באַוועגונג. דאָס העכסטע וואָס מ׳האָט פֿון זיי געקענט דערוואַרטן איז געווען אַ פּאָר גראָשן און אַ באַזוך ביי אַ יום־טובדיקער אונטערנעמונג. די דראָגיסטן, איבערהויפּט יאַפּע און נאַטאַשאַ נאָטקין, זיינען, דאַקעגן, מיט לייב און לעבן געווען דאַן איבערגעבן דער באַוועגונג. ביי יאַפּען אין דראָג סטאָר, אין דער דריטער און בענברידזש, איז געווען אונדזער הויפּט זאַמלפּונקט. דאַן זיינען געווען אַ צאָל איינצלנע אַלטע גוואַרדיסטן צעוואָרפֿן איבערן גאַנצן שטאָט, ווי ה. וויינבערג, לעווין, עדעלסאָן, אב. ברענדשיין, ש. פּרענאָוויץ, עוזר סמאָלענסקין, דוד אַפּטייקער, ל. וואולפֿסאָן — די לעצטע פֿיר מענטשן מיט אַ פּען אין דער האַנט, פּאָעטן און שרייבער.

עס זיינען געווען אַ צאָל באַלעבאַטישע יידן, קרעמער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן נאָענט צו אונדזער באַוועגונג: ריקלין, לובאַרסקי, שטאָפּמאַן, דובין, די אַגורסקי ברידער א״אַ. אויך אַ הייפֿל אַרבעטער און האַלב אינ־

טעליגענטן, ווי מענקין, מייער ראָזען, ליפּשיץ, די ברידער צאַן — מענטשן וואָס האָבן שטאַרק געבענקט נאָך אַמאָליקע גוטע יאָרן און געוואָלט זען אַ נייע ברייטע טעטיקייט, ווען עמעצער זאָל נאָר נעמען די איניציאַטיוו אָנצוהויבן די אַרבעט.

איך האָב צווישן די לייענער געפֿונען אויך אַ קליינעם קרייז פֿון יונגע, לעבנספֿולע אַרבעטער וואָס האָבן זיך געריסן צו טעטיקייט. י. קאַץ, ב. אַקסלער, י. וואַשקאָוויץ, סעמבאַט, און איבערהויפּט ל. לאַנדוי (א. וואַ־לינער), וועלכער איז דאַן געווען אַ תּושב אין פֿילאַדעלפֿיע, האָט געאַרבעט ביי העמדער אין פֿייגינס היסטאָרישן שאַפּ און זיך אַלץ געקליבן שרייבן פֿעליעטאָנען אין דער „פֿ. אַ. ש.״ מיר זיינען געוואָרן אינטים באַפֿריינדעט, פֿלעגן פֿאַרברענגען אונדזער גאַנצע צייט צוזאַמען און בויען פּלענער פֿאַר אַ ברייטער טעטיקייט.

די קאָאָפּעראַטיווע סטאָר האָט לאַנגזאַם פֿאַרענדיקט איר אַגאָניע און איז אויסגעגאַנגען. אַ צאָל פֿון די מיטגלידער האָבן געגרינדעט אַ ברענטש פֿון אַרבעטער רינג און אים אַ נאָמען געגעבן „קאָאָפּעראַטיווער ברענטש 81״. מיין ווייניקייט איז געווען צווישן די ערשטע מיטגלידער. דער ברענטש עקזיסטירט נאָך היינט צו טאָג און טראָגט דעמזעלביקן נאָמען, כאָטש ווייניק מיטגלידער ווייסן איצט פֿונוואַנען דער נאָמען האָט זיך צו זיי גענומען.

ביים אָפּשליסן דעם געשעפֿט האָב איך מיטגעאַרבעט אין אַ קאָמיטע נאָכצוזען די חשבונות. דאָרט האָב איך געפֿונען צוויי אינטערעסאַנטע זאַכן: די אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט הונדערטער מיטגלידער, אָבער דער גאַנצער איינגעצאָלטער קאַפּיטאַל אויף די שערס האָט באַטראָפֿן ווייניקער ווי דריי הונדערט דאָלער. די מערסטע האָבן איינגעצאָלט 25 אָדער 50 סענט, ניט מער. בלויז צוויי גרינע — איך און אַ פֿרוי — האָבן איינגעצאָלט די פֿולע סומע פֿון פֿינף דאָלער. פֿון דער אַנדער זייט זיינען די לייטנדיקע גייסטער פֿון דער אונטערנעמונג, די מיטגלידער פֿון דער באָרד אָוו דירעקטאָרס, געווען שולדיק דעם געשעפֿט 226 דאָלער, וועלכע זיי האָבן קיינמאָל ניט באַצאָלט. דער געשעפֿט איז געבויט און געפֿירט געוואָרן אָן קיין אייגענעם קאַפּיטאַל. ער איז פֿון אָנהויב אָן געווען פֿאַראורטיילט צום אונטערגאַנג.

די ליקווידאַציע פֿון דער קאָאָפּעראַטיווער אונטערנעמונג האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט אָפּצוגעבן מיין גאַנצע פֿרייע צייט דער אַרבעט פֿאַר דער „פֿ. אַ. ש.״ און דער באַוועגונג, וואָס האָט מיר צוגעגעבן באַדייטנ־דיקע צופֿרידנשטעלונג.

אַ היפּשע דערמוטיקונג און הילף האָב איך אויך געקראָגן פֿון צוויי עלטערע גענאָסן, אַקטיווע טוער פֿון די פֿריערדיקע גוטע יאָרן: ה. וואולף,

וועלכער פֿלעגט איין טאָג יעדע וואָך אָפּגעבן אויף צו פֿאַרשפּרייטן דעם לאָנדאָנער „אַרבייטער פֿריינד“. יעדן פֿרייטיק פֿלעגט ער פֿון זיין וואוינונג און געשעפֿט אין ווייטן מענעיאָנק קומען אין שטאָט צו פֿאַרקויפֿן עטלעכע קאָפּיעס פֿון לאָנדאָנער „אַרבייטער פֿריינד“ צווישן די בעקער ביי זייער יוניאָן מיטינג, און צו באַזוכן די עטלעכע שטענדיקע קויפֿער וואָס ער האָט געהאַט פֿאַר יענער צייטונג. דער צווייטער איז געווען גענ. י. ב. מור, צו יענער צייט אַ מאַנופֿעקטשורער פֿון פֿרויען־קליידלעך, וועלכער איז אַלעמאָל געווען גרייט איבערצולאָזן דעם שאַפּ און גיין טאָן וואָס עס איז נויטיק פֿאַר דער באַוועגונג.

די הויפּט אַרבעט איז אָבער פֿון דאַן אָן געטאָן געוואָרן פֿון די דריי מוסקעטירס — איך, אַקסלער און י. קאַץ, וועלכע זיינען פֿאַר אַ צייט נאָכדעם געווען אומצושיידבאַר אין אונדזער אַרבעט און פֿריינדשאַפֿט.

אונדזער טעטיקייט יענעם ווינטער איז באַשטאַנען אין דורכפֿירן עטלעכע פֿאַרזאַמלונגען, לעקציעס און אַ טראַדיציאָנעלן „בויערן באַל“, פֿאַר וועלכן מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַ „בויערן צייטונג“. די לעצטע איז אויסגעפֿילט און צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פֿון ל. לאַנדוי און דוד אַפּטייקער.

דער בויערן באָל איז געווען אַ גרויסער דערפֿאָלג אונטער די אומשטענדן, האָט אַריינגעבראַכט איבער צוויי הונדערט דאָלער ריינעם פּראָפֿיט פֿאַר דער „פֿ. אַ. ש.“ און געשאַפֿן אַ גוטע שטימונג צווישן די גענאָסן.

צווישן אונדזערע טעטיקייטן יענעם יאָר דאַרף פֿאַרצייכנט ווערן אונדזער אַקטיווע באַטייליקונג אין דעם קבלת פּנים פֿאַר דער „באַבושקאַ“, יעקאַטערינאַ ברעשקאָווסקאַיאַ, ווען זי איז אין באַגלייטונג פֿון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי געקומען אַהער קיין אַמעריקע. אַ פֿאַרזאַמלונג איז אַראַנזשירט געוואָרן אין וואָלנאַט סטריט טעאַטער פֿאַר אַ זונטיק נאָכמיטאָג. ווען איך בין צוגעגאַנגען צום פּלאַץ האָב איך געפֿונען דעם טעאַטער אָנגעפֿילט און אין דרויסן אַ ריזיקע מאַסע מענטשן וועלכע האָבן ניט געקענט אַריינגיין. האָב איך זיך צוזאַמענגערעדט מיט גענ. מור, אים געשיקט אָפּזוכן אַ צווייטן זאַל אין דער נאָכבאַרשאַפֿט, און אַליין אַוועק איבעררעדן מיט די רעדנער וועגן אַדרעסירן די צווייטע פֿאַרזאַמלונג. אין עטלעכע מינוט צייט איז דאָס אַלץ דורכגעפֿירט געוואָרן ווי געהעריק. דער עולם האָט אָנגעפֿילט די גרויסע זאַל אין דער אַכטער און לאָמבאַרד, ניט ווייט דערביי, און די רעדנער זיינען איינער נאָכן אַנדערן געקומען אַהין פֿון טעאַטער אַדרעסירן די פֿאַרזאַמלונג. ווייַנבערגס רעדע אין וואָלנאַט סטריט טעאַטער יענעם נאָכמיטאָק האָט איבערשטיגן אַלץ וואָס איך האָב ווען עס איז פֿריער אָדער שפּעטער געהערט פֿון דער פּלאַטפֿאָרם.

פֿון די פֿאַרזאַמלונגען זיינען מיר, אַ קליינער קרייז נאָענטע גענאָסן, אַוועק אין דער אַנאַרכיסטישער קאָמוניסטישער הויז, וואו די באַבושקאַ איז איינגעשטאַנען. דאָרט האָבן מיר פֿאַרבראַכט דעם אָונט אין וואונדערבאַרער אינטימער באַגייסטערונג. די באַבושקאַ, צום טראָץ איר הויכן עלטער און גרויזאַם שווערן לעבן אין דער רוסישער קאַטאָרגע, איז געווען יונג און מונטער אין גייסט. זי האָט מיט אונדז מיטגעזונגען רוסישע רעוואָלוציאָנערע לידער, געטאַנצט און זיך געקושט מיט די יונגע גענאָסן, וועמענס אַנוועזנקייט עס האָט אין איר אַרויסגערופֿן נייעם גלויבן אין דער צוקונפֿט פֿון אונדזער אידעאַל.

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט האָבן מיר אין פֿילאַדעלפֿיע אויפֿגענומען דעם גרייז־גרויען פֿירער פֿון די רוסישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, ניקאָליי טשייקאָווסקי. ער איז געווען איינער פֿון די עלטסטע טוער אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ווען פּעטער קראָפּאָטקין איז, אין 1872, געקומען צוריק פֿון אייראָפּע, וואו ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פֿון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, האָט ער אין סט. פּעטערסבורג זיך אָנגעשלאָסן אָן טשייקאָווסקיס קרייז. מיר האָבן דעם גרויסן גאַסט אויפֿגענומען ביי יאַפֿען אין הויז, וואו מיר האָבן פֿאַרבראַכט די גאַנצע נאַכט רעדנדיק וועגן די אויסזיכטן פֿאַר דער באַלד־אָנקומענדיקער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

טשייקאָווסקיס מיסיע איז אָפֿיציעל באַשטאַנען אין זאַמלען געלט פֿאַר דער באַוועגונג. זייןווירקלעכע אויפֿגאַבע איז אָבער געווען איינצוקויפֿן און אַריבערשיקן געווער פֿאַר דעם געברויך פֿון די רעוואָלוציאָנערן אין אונדזער אַלטער היימלאַנד.